פ' הברכה א'

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן

## ✪ כפרות אין קינדערגארטן



אין די טעג פון עשרת ימי תשובה. א עכטע כפרה'לע א ווייסע שיינע, זעהן מיר צופרי ווען מיר קומען אן חדר, העכער אונזער קעפעל'ע עס דרייט זיך ארום. זה חלפתי זה כפרתי הערן מיר א שטים, מ'זאגט אונז אן שטארק אז "נאר א קליינע, נישט צו גרויס, קענען מיר געבן פאר די כפרה א שטויס, ווייל צער בעלי חיים טאר מען דאך "נישט" מאכן ח"ו. עה, אונז האמיר נישט מורא פון א טשיקן, מיר זענען שוין געוואוינט צו זיי פונעם גאנצן זוממער... דער אייבירטשער זאל העלפן אז אלע אונזערע עבירות זאל ארויף גיין אויף די כפרה און מיר אלע אידישע קינדער זאלן פארשריבן ווערן לחיים טובים ארוכים ולשלו'.

**א מאמע שרייבט:**
**נעכטן איז אשר לעמל געווען שלאגן כפרות, עס איז געווען זייער זיס ווי "נאר ער" פון די משפחה האט געוואלט די האן, אלעס אדאנק די פארעם וואס די תלמוד תורה האט צוגעשטעלט...**

**נאך א מאמע שרייבט:**
**ווען מ'האט געזאגט פאר משה הערש'לע שווארטץ אז מ'גייט כפרות שלאגן, האט ער זיך אנגערופן מיט א שמייכל –יא טאקע- ביי מיין פארעם איז דא גענוג כפרות...**

## ✪ "א מיטוואך אין קינדערגארטן"

ענדליך האט מען שוין אויסגעטיילט פאר אלע קינדער וואס גייען אי"ה ארויף אין כתה א' די הערליכע מתנה "א מיטוואך אין קינדערגארטן" מיר האפן אז די קינדערעלך וועלן הנאה האבן דערפון און זיך לערנען שיינע מדות און גוטע זאכן. ביי דער גילעגנהייט דריקן מיר אויס א ספעציעלע דאנק פאר אלע חשובע מלמדים וואס האבן צוגעהאלפן דערצו, ספעציעל המלמד החשוב הר"ר שלמה ברייער שליט"א, הר"ר פישל האלפערט שליט"א, און הר"ר אלכסנדר גלאנץ שליט"א, וועלכע האבן אוועק געגעבן פון זייערע טייערע צייט צו צוהעלפן דערמיט. (אויב עס וועט זיין גענוג וועט מען דאס אויך אויסטיילן בלנ"ג פאר די "קליינע קינדערגארטן" די וואס האבן אויך מיטגעהאלטן דעם מיטוואך פראגראם יעדע וואך)

# זיסע חכמה'לעך

✪

גייענדיג אין שול אויף א לאנגע וועג האט די טאטע געזאגט פאר **יושע'לע רייך** אז דער באשעפער גייט נעמען די לאנגע וועג און לייגן אויף די וואגשאהל אויף די מצוות, פרעגט יושע'לע, "און וואו גייען אלע קארס פארן נאכדעם"....

✪

**שמעון'לע** פארשטייט נישט. מ'זאגט ראש השנה ביינאכט שתחדש עלינו שנה טובה "ותוקה". "יעצט איז ראש השנה, נישט סוכות?"....

✪

**אברהם הערש** האט געוואלט גיין אין אין די גרויסע שוהל הערן שופר בלאזן, זיין מאמע האט געזאגט נאר אויב ער קען זיצן שיין שטיל און נישט מאכן קיין גערודער. האט אברהם הערש געפרעגט "נאר די שופר מעג מאכן גערודער?".....

✪

**הערשי גרינוואלד** האט געהאלפן פאר ראש השנה אויפרוימען, האט ער גערופן זיין ברודער שלו', "איך האב נישט קיין השגה אליינס אויפצורוימען די פלעי רום קום מיך העלפן"...

✪

מ'האט געפרעגט **דוד'ל האפפמאן** – ווער שרייבט ביינאכט אויף די מצוות אויבן אין הימל? זאגט ער, "די נשמה'לע". פרעגט מען אים וואו איז דיין נשמה'לע? זאגט ער "<u>אין מיין בעט</u>!"...

✪

**שלמה זלמן** זאגט פאר זיין מאמע מוצאי שבת "מאמי שרייב נישט מיינע עבירות, נאר די מצות. די עבירות זאלסטו אוועק ווארפן אין גארביד"ש"...

✪

**הערשי רובינשטיין** פרעגט ביים זמן "אויב ס'איז שוין די זמן הזה"....

✪

הערנ'דיג פון שווימען האט **הערשי** געזאגט "אז מ'קען נישט אריין פאלן אין די גרויסע פאל ווייל ס'האט דאך א פלאהר"....

✪

**פישי כ"ץ'ס** מאמע האט שבת אריין געלייגט שווארטצע פעפער אין די אייער לכבוד שבת קודש, פישי זאגט "איך דארף נישט די טעללער אייער, ווייל ס'איז שמוציג"....

✪

**יעקב'לע** איז געווען שבת אין שוהל, ביי קר"ש פרעגט ער זיין טאטע "וואו גייט מען נאך קר"ש גיין שלאפן?"..

✪

**שמוא' הערש וויינשטאק** זאגט "מ'גייט נישט "שלאגן" כפרות, מ'גייט "שטויסן" כפרות....

✪

**חים אליעזר לאנדא** איז געווען ביי תשליך האט אים זיין מאמע געהייסן נעמען די עבירות פון טאש און ארייןווארפן אין וואסער. פרעגט ער "וועלכע טאש איז נאר די מצות?"...

✪

**משה פריעד** זאגט פאר זיין ברודער וואס האט אויפגעבלאזן מיט א מאשין די רעדן פון זיין ביי"ק. "לייג עס צו מיין אויער און בלאז אריין וועל איך ווערן אויפגעבלאזן גרויס ביזן הימל"...

✪

איין נאכט האט **יואלי סופר** געקוקט ביי די פענסטער אויב ס'איז שוין טונקל און ער זאגט "יא ס'איז שוין זייער טונקל, די הימל איז שוין זייער קרוינע'דיג"... (אזוי ווי די קרוינעלע באס)

✪

**ליפא'לע מויזקאפף** זאגט "ער ווייסט ווי אזוי מ'טוט תשובה "מ'קריגט זיך, נאכדעם זאגט מען איך גיי עס מער נישט טוהן"...

✪

**מרדכי'לע'ס** מאמע האט אים דערציילט אז מ'גייט אים אפשערן די וואך און אז ער גייט האבן א ציצית אזוי ווי זיין רבי, האט מרדכי געזאגט "אז ער דארף אויך א גארטל אויף זיין הענט אזוי ווי ר' אהער"

## ✪ מסיבת פרידה

גאר א התרגשות'דיגער מסיבת פרידה איז פארגעקומען מאנטאג ב' דסליחות פאר איינעם פון אונזערע חשובע מלמדים הר"ר אלכסנדר גלאנץ שליט"א וואס ציעט זיך די טעג אריבער קיין ארץ הקודש. די מלמדים האבן געטרינקן לחיים און אים אנגעוואונטשן א ברכת צלח ורכב ער זאל מצליח זיין אין אלע זיינע וועגן ובכל אשר יפנה יצליח. רבי גלאנץ וועט בלייבן אין אונזער זכרון אויף גאר א לאנגע צייט...

א ספעציעלע דאנק פאר הרבני הנגיד

מו"ה **חיים טאגער** הי"ו

**טאטע פון הילד היקר שלמה נ"י**

וואס האט מנדב געווען די סי-דיס פאר די טייערע קינדערלעך

**תשואת חן חן לו**

## ✪ מזל טוב פון די וואך

# הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב

פאר המלמד החשוב

מו"ה **אהרן שמוא' גלאנץ** שליט"א

**צום געבורט פון זיין זוהן נ"י**

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט אים מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבת הדעת געזונטערהייט עמו"ש

ווי אויך וואונטשן מיר א מזל טוב פאר אונזער חשובער קעכער

הרה"ח מו"ה **אהרן הערש בערקאוויטש** שליט"א

**צום געבורט פון זיין אייניקל נ"י**

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן שמחה ונחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט עמו"ש

די מלמדים פון קינדערגארטן וואונטשן א הארציגן מזל טוב

**פאר אונזער מנהל**

**צו דעם בר מצוה פון זיין זוהן נ"י**

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט אים מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבת הדעת געזונטערהייט עמו"ש

## מזל טוב

## לכ' הרה"ג ר' יואל טייטלבוים שליט"א

## בן כ"ק אדמו"ר שליט"א

### רב דבית המדרש בית ברוך

### צום אפשערן פון זיין זוהן הילד ליפא נ"י

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט אים מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבת הדעת געזונטערהייט עמו"ש

# הכונו!!! הכונו!!!

**חשובע עלטערן שיחיו**

**גרייט אייך צו צו דעם**

## "אויסנאם" וויכטיגע מסיבה

**וואס די קינדער פון קינדערגארטן**

**טוען אראנדשירן**

**ביים מנהל אין שטוב תיכף נאך יו"ט אי"ה**

*פרטים יבואו*

## *א גמר חתימה טובה*

### *וואונטשט הנהלת הקינדערגארטן*

### *פאר אלע חשובע עלטערן שיחיו און גאנץ כלל ישראל*